בס"ד

# זקניך ויאמרו לך

נומ. 1



זיידי פארוואס טרויערסטו
אזוי שטארק ה' אייר...?

ובחרת בחיים

מטרתינו
להשריש אמונה הטהורה ויר"ש ומדות טובות
בלבות תינוקות של בית רבן בני א-ל חי

זיידי, איך האב זייער ליב צו קומען לערנען מיט דיר, אלץ ביסטו אזוי גוט אויפגעלייגט און גוטמוטיג, היינט זעה איך אז דו עסט נישט און טרינקסט נישט, און בכלל ביסטו זייער צוגעלייגט, וואס איז היינט א טרויער טאג?

יאנקע׳לע טייערער, עס וואונדערט מיר זייער אויף דיר, אז דו ווייסט נישט וואס ״ה׳ אייר״ מיינט, דער רבי זי״ע האט כמה פעמים געזאגט מיט בכיות נוראות אויב וואלטן חכמינו ז״ל געווען אין די היינטיגע צייטן, וואלטן זיי ווען געמאכט דעם טאג אזוי ווי תשעה באב, ווייל דאס איז נאך אסאך ערגער ווי דער חורבן בית המקדש (חידושי תורה תשט״ז) דאס איז א זאך וואס יעדער איד פון גרויס ביז קליין דארף דאס צו וויסען, דאס איז נוגע די יסודות פון אידישקייט.

זיידי טייערע, זיי מיר טאקע מסביר וואס דאס איז, פארוואס איז עס אזא טרויער׳יגע טאג, און ס׳איז גלייך צו תשעה באב?

ערשטענס דארפסטו וויסען יאנקע׳לע אז פאר צוויי טויזענט יאר צוריק האבן מיר אידן געהאט א מלוכה אין ארץ ישראל, און מיר האבן געהאט א בית המקדש, דארט איז געווען דעם באשעפער׳ס הויז ווי די שכינה הקדושה האט גערועט. ווי לאנג אידן האבן געהיטען די תורה ווי דער באשעפער האט באפוילן, האבן זיי געלעבט רואיג ברוחניות ובגשמיות, אידן זענען נישט אזא פאלק ווי אנדערע גוי׳אישע פעלקער, אידן זענען אן עם קדוש, אן עם סגולה, ווען אונז זעמיר געשטאנען ביים בארג סיני האט דער אייבערשטער אונז געזאגט ״ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״, ווי מיר זאגן א יעדען יום טוב, ״אתה בחרתנו מכל העמים אהבת אותנו וכו׳ ורוממתנו מכל הלשונות״, דאס מיינט אז די קיום פון כלל ישראל איז נישט ווי אנדערע פעלקער, סיי זייערע מלחמות און סיי זייער הצלחות און אלע גשמיות׳דיגע ענינים איז נישט אזוי ווי א גוי להבדיל, ווייל נישט מיט כח האבן זיי געפירט מלחמה, ווי ס׳שטייט אין תהילים ״כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיענו״. ווען אידן זענען אריין געקומען אין ארץ ישראל, און געפירט מלחמות, האט נישט געקענט זיין אין זייער מיליטער איינער וואס האט געהאט אפילו א קליינע עבירה, און אויב די מלחמה איז נישט געגאנגען ווי ס׳דארף צו זיין, האבן זיי גלייך זיך מתבונן געווען אויף וואס פאר אן עבירה דאס קומט, די גיבורים פון דוד המלך זענען געווען די גדולי הדור, און לויט זייער צדקות האט זיך געמאסטען זייער גבורה.

אבער ווי נאר זיי האבן איבערגעלאזט די תורה און געדינט עבודה זרה און אנדערע עבירות, האט זיי דער אייבערשטער געשיקט נביאים זיי צו ווארענען אז זיי זאלן תשובה טוהן, אבער אידן האבן נישט צוגעהערט צו די קול פון די נביאים און זיי האבן ווייטער געזינדיגט, און זיי זענען געווארן מער און מער נאכגעשלעפט נאך די גוים וואס זענען געווען ארום זיי, האט דער הייליגער באשעפער חרוב געמאכט דאס בית המקדש און די אידן זענען פארטריבען געווארן פון זייער לאנד, אזוי ווי מיר זאגן ביי מוסף יום טוב ״ומפני חטאינו גלינו מארצינו״.

זיידי, פארוואס טאקע האבן די אידן נישט תשובה געטוען?

וויסען זאלסטו יאנקע׳לע אז אידן געווען דעמאלס מורא׳דיג שטארק, און זיי זענען געווען זיכער ביי זיך אז קיינער וועט זיי נישט קענען גארנישט טוהן, ווייל באמת האט עס אזוי אויסגעזעהן, אזוי ווי עס ווערט דערציילט באריכות אין ספר יוסיפין וואס באשרייבט די מלחמות וואס די אידן האבן געהאט מיט די רומיים פאר די בית המקדש איז חרוב געווארן, אז די אידן האבן נישט געציטערט פאר קיינעם, און זיי האבן זיך געשלאגען מיט א פעסטקייט אקעגן אלע זייערע פיינט, אויף אזוי ווייט אז אסאך גוים וואס האבן ארומגענומען ירושלים האבן זיך געהאט שוין מייאש געווען עס איינצונעמען. און כאטשיג ס׳האט טאקע אזוי אויסגעזעהן בדרך הטבע, זאלסטו אבער וויסן יאנקע׳לע, אז די הנהגה פון כלל ישראל, האט נישט קיין שום שייכות צו דער טבע, און אזוי איז טאקע געווען דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן אין די הארץ פון דעם רומי׳שען גענעראל וואס האט באלאגערט ירושלים אז ער זאל פרובירן צו ווארפען א פייל צו אלע פיר זייטן, און יעדעס מאל האט זיך דער פייל אליינס אויסגעדרייט צו די זייט פון ירושלים, אויך האבן זיי געמאסטן די מויער פון ירושלים און זיי האבן געזען אז יעדן טאג זינקט עס אביסל, האבן זיי פארשטאנען אז פון הימל וויל מען אז זיי זאלן איינעמען ירושלים, ווי עס ווערט דערמאנט אין די גמרא און אין די מדרשים.

זיידי, פארוואס האט דער אייבערשטער טאקע געגעבן פאר די רומיים אזא כח א קעגן די אידן?

ווייל די סיבה פארוואס דאס בית המקדש איז חרוב געווארן און מיר זענען געגאנגען אין גלות איז נישט געווען בדרך הטבע, ווייל מיר האבן געהאט א שוואכע מיליטער און דאס גלייכן, נאר די סיבה איז געווען ווייל אזוי איז נגזר געווארן פון הימל אלס א שטראף אויף דעם וואס מיר האבן געזינדיגט און ווידערגעשפעניגט דעם באשעפער׳ס ווילן, ווייל דער באשעפער וויל נישט מען זאל זיין אין ארץ הקודש און זינדיגן, ווייל די הייליגקייט פון ארץ ישראל פארטראגט נישט קיין טומאה און קיין עבירות, ווי עס שטייט אין פסוק ותקיא הארץ את יושבי׳, דאס מיינט אז ארץ ישראל וועט אויסשפייען די אלע וואס טוען עבירות, און ווען נישט דער באשעפער וואלט געגעבן ירושלים אין די הענט פון די פיינט וואלטן זיי עס קיינמאל נישט געקענט איינעמען.

דעריבער איז קלאר אז אויך די גאולה שלימה גייט נישט זיין בדרך הטבע, נאר עס ליגט נאר אינעם אייבערשטענ׳ס הענט, און נאר ווען מיר וועלן תשובה טוהן, און זיין ראוי צוריק צו גיין צו ארץ ישראל דעמאלס וועט דער באשעפער אונז צוריקקערן און אויסלייזן דורך משיח צדקינו, און קענען מקיים זיין אלע מצות וואס איז נוגע צו ארץ ישראל, און מיר וועלן האבן א בית המקדש, און זעהן די הייליגע עבודה פון די כהנים, און מיר וועלן מקריב זיין קרבנות, און מיר וועלן עולה רגל זיין דריי מאל א יאר, און מאכן א נחת רוח פאר׳ן אייבערשטען מיט אזא שמחה וואס מיר קענען זיך נישט פארשטעלן. אבער צו טראכטן אז מען קען ארויסגיין פון גלות דורך אייגענע הילף, איז נישט קיין מחשבה וואס קען ארויפקומען ביי אן ערליכן איד, נאר אויב עס איז ביי אים ח״ו אפגעשוואכט די אמונה אין שכר ועונש און ביאת המשיח.

און דאס איז די סיבה יאנקע׳לע פארוואס דאס אידישע פאלק האט זיך פון אייביג אן געהיטן ווי פון פייער פון צו טוהן אייגענע הילף ארויסצוגיין פון גלות, ווייל מיר זענען באשווארירן געווארן פון אייבערשטען אליין מיט דריי הארבע שבועות, אזוי ווי עס שטייט אין שיר השירים, השבעתי אתכם וכו׳, און די גמרא זאגט אין מס׳ כתובות, דער אייבערשטער האט געזאגט, וועט איר מקיים זיין די שבועות איז גוט, אויב נישט חס

ושלום אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה, וועט עטס ווערן הפקר ווי הערשן און אינדן פון פעלד.

זיידי, וואס דארפן מיר אונז טוהן אז דער אייבערשטער זאל אונז ארויסנעמען פון גלות?

יאנקע׳לע טייערע, די איינציגסטע זאך וואס אידן דארפן צו טוהן אז משיח זאל קומען, איז אזוי ווי אונזערע עלטערן פלעגען צו טוהן, ווייל וויסן דארפסטו יאנקע׳לע, אז אין די פריערדיגע דורות פלעגן אלע ערליכע אידן אויפשטיין אינמיטען דערנאכט און געזאגט "תיקון חצות" און געבעטען דעם אייבערשטען מיט׳ן גאנצען הארץ און זעל, און געגאסען ביטערע טרערן אז דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזען פון גלות. ווען ערליכע אידן האבן געדאווענט שמונה עשרה, און זיי האבן געהאלטען ביי "ולירושלים עירך ברחמים תשוב" אדער ביי "ותחזנה עינינו" האט זיך ארויס געריסן פון זייער הארץ א טיפער קרעכטץ און געבעטען דעם אייבערשטען שיק שוין משיח צדקינו, און דורך דעם איז מען מקרב די גאולה שלימה, און ס׳שטייט אין די ספרים הק׳ אז קיין איין תפלה איז נישט אומזיסט, נאר דער אייבערשטער וועט צוזאם נעמען אלע





אידישע תפלות און אזוי וועט משיח קומען. ווייל עס איז געווען א פשוט׳ע און פארשטענדליכע זאך ביי יעדן איד וואס גלייבט אין באשעפער אז די גאולה וועט נאר קומען ווען דער באשעפער וועט וועלן, דורך משיח צדקינו, און דאס וועט נאר זיין ווען דער גאנצער כלל ישראל וועט תשובה טוהן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״ושבת עד ה׳ אלקיך ושמעת בקולו״ וגו׳, און דעמאלס וועט מקוים ווערן דער פסוק ״ושב ה׳ אלקיך את שבותך ורחמך, ושב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה׳ אלקיך שמה״. אוי יאנקע׳לע לאמיר שוין זוכה זיין דערצו במהרה...

זיידי, וואס האט פאסירט שפעטער?

יאנקע׳לע, אזוי האבן פארשטאנען און זיך געפירט דאס אידישער פאלק נאנט צו צוויי טויזענט יאר וואס מיר זענען אין גלות, און מען האט בכלל נישט געדארפט אויפקלערן און רעדן דערפון, ווייל יעדער האט דאס פארשטאנען פון זיך אליין, ביז פאר איבער הונדערט יאר צוריק זענען אויפגעשטאנען אפיקורסים, וואס זיי האבן זיך געפירט און געטראכט ווי א גוי, זייער אנפירער האט געהייסן הערצעל ימח שמו וזכרו, און זיי האבן אנגעקוקט מיט זייערע טריפה׳נע אויגן- די צרות וואס אידן האבן געליטען ווי א נאטורליכע פראבלעם

וואס האט באטראפען דאס אידישע פאלק, און זיי האבן דאס געזוכט א "אידישער פראבלעם" וואס די סיבה פון די אלע צרות וואס אידן ליידן איז, ווייל אידן זענען שלי'מזל'ך, זיי האבן נישט קיין אייגן לאנד, און זיי זענען צושפרייט אין אלע לענדער פון די וועלט, און פארדעם ווערן אידן געפייניגט און געשלאגן, און מען דארף לעיזן דעם פראבלעם אזוי ווי אלע פעלקער פון די וועלט לעיזן אזעלכע פראבלעמען, דורך אויפשטעלן א לאנד מיט א שטארקע מיליטער, מיט א אייגענע פאן און א אייגענע שפראך, און דורך דעם ברענגען צו א ענדע צו די גלות לליידן פון באלד צוויי טויזענט יאר. זיי האבן נישט פארשטאנען אז דער לעיזונג וואס העלפט פאר די גוים, העלפט בכלל נישט פאר דאס אידישע פאלק, דעם "עם הנבחר", וואס שטייט און האפט נאר אויף די גאולה שלימה פון הייליגן באשעפער דורך משיח צדקינו, און יעדע זאך וואס מען טוט ארויסצוגיין פון גלות מיט די כח פון די אייגענע האנט, דאס מיינט "כחי ועוצם ידי" ח"ו, וועט נישט נאר נישט ווייניגער מאכן די צרות נאר עס וועט ח"ו צוברענגען דאס פארקערטע, די צרות וועלן זיך נאר מערן און פארשטארקן, אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט ה' ירחם.

זיידי, און וואס האבן געטוהן די ערליכע אידן?

יאנקע'לע, די גרויסע צדיקים וואס האבן דעמאלס געלעבט, ווען זיי האבן געהערט פון דעם אפיקורס'ישע און מסוכנ'דיגע בייפאל, האבן זיי געציטערט פון די צרות וואס וועט ארויסקומען פון אזא שרעקליכע העברה על השבועות, וואס ס'שטייט אויף דעם אזא ביטערע עונש רח"ל, און זיי זענען ארויס דערקעגן מיט א שווערע מלחמה.

זיידי, און וואס האבן די ציונים געטוהן?

זיי זענען אנגעגאנגען ווייטער מיט זייער פלאן. זיי זענען געווען אזוי ווייט פון אידישקייט אז זיי האבן נישט געהאט קיין שום געפיל צו ארץ ישראל, ס'איז זיי גענוג געווען אויפצושטעלן א לאנד אין אוגאנדא וואס געפינט זיך אין אפריקע, אבער ווען זיי האבן געזען אז דער בייפאל וועט נישט שלעפן צו זיך דעם עולם, און זיכער נישט די אידן וואס היטען תורה ומצות וואס זענען דעמאלס געווען דאס רוב פונעם אידישע פאלק, האבן זיי באשלאסן צו טוישען דעם פלאן, און זיי האבן אויסגעוועלט "ארץ ישראל" אלס א פאסיגע פלאץ אויפצושטעלן זייער לאנד, און אזוי איז זיי געלונגען אנצוצינדען די געפילן פון די אידן וואס האבן שטענדיג געגלוסט נאך דאס הייליג לאנד ארץ ישראל, און וועגן דעם האבן זיי זיך אויך א נאמען געגעבן "ציונים" נאך דאס לאנד ציון, זיי האבן זיך אויסגעוועילט פאר א שפראך דעם טמא'נעם העברעישען שפראך, א פארדרייטען לשון הקודש, און דעם מגן דוד פאר א סימבאל פאר א פאן, און נאך אסאך אנדערע אידישע סימבאלן, כדי צו געבן פאר די מדינה א אידישע אויסקוק.

און אזוי האבן זיי אנגעהויבן צו טוהן פעולות ארויפצושלעפן ווי מער מענטשען אויף ארץ ישראל, לעגאל און אומלעגאל, און אויפגערייצט ביי אלע גוים א געוואלדיגע שנאת ישראל, ווייל זיי האבן געהאלטען אז דאס וועט זיי העלפען צו זייער ציל, צו קענען מאכן אן אייגענע לאנד. און ליידער בעוה"ר האבן זיי מיט געשלעפט אויך אידן שומרי תורה ומצות מיט זייער טמא'נעם רעיון.




ווען עס האט אויסגעבראכן די שרעקליכע צווייטע וועלט מלחמה וואו עס איז אויס גע׳הרג׳עט געווארן זעקס מיליאן אידן הי״ד - וואס דאס איז געקומען אלס עונש פאר׳ן עובר זיין אויף די שבועות, ווי די רבי זי״ע שרייבט אין די הקדמה צום הייליגען ספר ויואל משה האבן זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט אויסצופירן זייער פלאן, וויסענדיג אז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן וואס עס זענען דערין גע׳הרג׳עט געווארן אזויפיל אידן רח״ל, וועלן זיי קענען קומען מיט א פארלאנג צו די פעלקער פון די וועלט, אז עס קומט זיך זיי א אייגענע לאנד, און דאס איז געווען די סיבה פארוואס די ציונים האבן געשטערט אין מערערע פעלער צו ראטעווען אידן אין די צייט פון די מלחמה, אזוי ווי עס באשרייבט באריכות הגאון הצדיק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ״ל (אין זיין ספר מן המיצר). די מדינה איז געווען זייער איינציגסטע ציל יענע יארן, אזוי ווי איינער פון די פירער׳ס פון די ציונים האט זיך דעמאלס אויסגעדריקט ״רק בדם תהי׳ לנו הארץ״ ״נאר מיט בלוט וועלן מיר האבן דאס לאנד״, דאס מיינט אז ווען אידיש בלוט האט זיך געגאסען ווי וואסער רח״ל, זענען די רשעים געשטאנען קאלטבלוטיג מיט אן אכזריות, און זיך צוגעקוקט מיט א הנאה אז דאס וועט




ברענגען צו זייער ציל, צו באקומען אן אייגען לאנד, אזוי ווי איינער פון זייערע פירער האט זיך אויסגעדריקט ״אז איין קוה אין ארץ ישראל איז מער ווערט ווי דריי מיליאן אידן אין פוילען״ עפ״ל. און טאקע נאך עטליכע יאר נאך די מלחמה האבען זיי גע׳פועל׳ט ביי די אומות העולם אויסצופירען זייער גוי׳אישען פלאן אויפצושטעלן א לאנד אין ארץ ישראל.

דאס האבן די ציונים יא געטוהן, מיט׳ן גאנצן לייב און לעבן, אז ווי זיי האבן נאר געקענט, האבן זיי אפגעפירט טויזענטער אידישע קינדער פון וועג, איינע פון זיי איז באוואוסט די טרויעריגע פרשה מיט די ״טעהראנ׳ער קינדער״.

זיידי, וואס איז דאס די ״ טעהראנ׳ער קינדער״ ?

מיין טייערע יאנקע׳לע, איך ווינדער מיר אויף דיר אז דו האסט נאך קיינמאל נישט געהערט פון די זאכן וואס

האט דעמאלס אויפגעשטורעמט די גאנצע אידישע וועלט, אויב אזוי וועל איך דיר דערציילען אין קורצן.
אינמיטען די מלחמה, איז געלונגען פאר טויזענטער קינדער יתומים פון פרומע הייזער פון פוילען און גאליציע וואס זייערע עלטערן זענען גע׳הרג׳עט געווארן פאר זייערע אויגן צו אנטלויפן פון די ברענעדיגע אייראפע, און אויפ׳ן וועג זענען זיי אנגעקומען קיין טעהראן וואס געפינט זיך אין איראן, די ציונים האבן אהינגעשיקט זייערע יונגע יונגאטשען וואס האבען פורק עול געווען פון אידישקייט אינגאנצען, און מיט געוואלד אויסגעריסען אידישקייט פון די קינדער, זיי האבן זיך געטשעפעט מיט די קינדער אויף זייער א נידעריגע אופן, זיי האבן זיי געצווינגען מחלל שבת צו זיין, צו עסן נבילות וטריפות, צו עסן יום כיפור רח״ל, זיי האבן זיי אפגעשניטען די פיאות און צוגענומען די קאפלעך, און אפילו קדיש זאגען אויף זייערע עלטערן - וואס זענען יעצט אומגעקומען אויף אזא ברוטאלען אופן - האבן זיי נישט ערלויבט.

און אנהייב האבן זיך די קינדער געשלאגן אויף זייער אידישקייט מיט מסירות נפש, עס איז געווען אזעלכע וואס האבן געהונגערט א לאנגע צייט אבי נישט צו עסן טריפות, ביז צוביסלעך צוביסלעך האבן זיך די נעבעכ׳דיגע שוואכע קינדער וואס האבן געליטען אזויפיל יארן אין די מלחמה - געבראכען, און כמעט אלע אידישע קינדער׳לעך זענען געווארן אזוי ווי גוים גמורים רח״ל, נאר איינצעלע פון זיי זענען געבליבען אידן.

באלד נאכדעם האבן זיי ארויפגעברענגט די אידן פון תימן, וואס האבן זיך געפירט טויזענטער יארן ווי ערליכע אידן לויט זייער מסורה, און זיי אויסגעשמד׳ט און געמאכט פאר אפיקורסים, און זיי מטמא געווען מיט די גרעסטע דריי עבירות רח״ל.



די פרשה האט זיך נאכאמאל איבערגע׳חזר׳ט מיט די מאראקאנע קינדער, די ציונים האבן ארויפגעברענגט טויזנטער קינדער אן די עלטערן פון מאראקא, און אויך צו זיי האבן זיי געטוען וואס זיי האבן געטאן צו די פריערדיגע, מען האט זיי מיט אכזריות אויסגעריסען פון אידישקייט. הער נאר יאנקע׳לע, ווען אונזער הייליגער רבי זי״ע האט געהערט פון די אלע זאכן, האט דאס אים אזוי פארקלעמט זיין הייליג הארץ, אויף אזוי ווייט אז דורכדעם איז ער אוועקגעפאלן אין א שווערן סטראו״ק ל״ע, דאס איז געווען שנת תשכ״ח לפ״ק, און ווייסט וואס כ׳וועל דיר פארציילן יאנקע׳לע, אז דריי טאג איז די רבי זי״ע געווען באוואוסטלאז, און אינעם דריטען טאג האט ער אנגעהויבן צו קומען צו זיך, איז זיין ערשטע פראגע ארויסגעגאנען פון זיין הייליגען מויל, וואס טוהן די רבנים וועגען די מאראקא׳נע קינדער?

אזוי אויך האבן זיי ארויפגעברענגט אויף ארץ ישראל אידן פון אלע עקן פון די וועלט, ובפרט פון די מערב לענדער ווי תימן, אלזשיר, איראן און נאך, און מיט געוואלד און מיט איינרעדענישען האט מען זיי אפגעפירט פון אידישען וועג, אן עקסטערע שרעקליכע באוואוסטע קאטאסטראפע איז, די פרשה פון גנב׳ענען קינדער פון די וואס זענען ארויפגעקומען פון לאנד תימן, ווען א תימן׳ער איד איז געגאנגען צו א דאקטאר, האט דער דאקטאר אים איינגערעדט אז דאס קינד איז זייער קראנק, און דארף שוין גיין אין שפיטאל, און באמת האבן זיי פארקויפט די קינדער פאר גוים אין פרעמדע לענדער אדער פאר פרייע משפחות פאר שווערע טויזנטער דאללארן, און פאר די עלטערן האבן זיי פארציילט אז די קינדער זענען נפטר געווארן, און אפילו אויפגעשטעלט פאלשע מצבות אונטער׳ן שפיטאל צו פאר׳נאר׳ן די עלטערן, אוי ווי יאנקע׳לע, אזוי און נאך פיל מער פון דעם האבן זיי אויסגעריסן דאס אידישקייט פון צענדליגע טויזנעטער תמימות׳דיגע ערליכע אידן וואס זענען געווען געטריי צו די תורה, און זיי האב זיי געמאכט פאר גוים גמורים, ה׳ ירחם.




לײדער, דײן זוהן איז
געבעך אװעק פון דער
װעלט...!


דא האסטו די
20 טויזענט דאללאר
אזוי ווי אונז האמיר
אפגעמאכט...

זיידי, אזויפיל טויזנטער אידישע קינדער האבן זיי אויסגעריסן פון כלל ישראל, אוודאי דארף מען מלחמה האלטען א קעגן די ציונים!

הער מיך אויס יאנקע׳לע, זאלסט נישט מאכן קיין טעות און טראכטן, אז נאר וועגן דעם זענען מיר קעגן די ציונים, ווייל זיי רייסן אויס יודישקייט, וואס דאס איז פאר זיך א מורא׳דיגע שרעקליכע זאך, וואס טאר נישט לאזן קיין מנוחה קיין שום איד, אבער דא איז עס אסאך טיפער פון דעם, ווייל אפילו אויב זיי וואלטן געהאלטען די גאנצע תורה מיט אלע תרי״ג מצות, און זיי וואלטען נישט אויסגעריסן דאס אידישקייט, איז דער בייפאל אליין פון זיך וועלן אליין העלפן זיך צו באפרייען פונעם גלות קעגן די גזירה פון באשעפער און עובר זיין אויף די שלש שבועות, קען איינפאלען נאר פאר אפיקורסים וואס גלייבן נישט אז אונז זענען די ״עם הנבחר״ ווי עס שטייט ״וה׳ האמירך היום להיות לו לעם סגולה וגו׳ ולתתך עליון על כל הגוים וגו׳ ולהיותך עם קדוש לה׳ אלקיך כאשר דבר״, זיי גלייבען נאר אין ״כחי ועוצם ידי״, זיי רייסן אויס די עיקרי אמונה, און דאס ברענגט אלע צרות, און האלט צוריק די גאולה שלימה בעוה״ר.

זיידי, איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט די מורא׳דיגע מעשיות, איך האב נאך ביז יעצט קיינמאל נישט פארשטאנען אז די גאנצע מדינה אליין איז קעגן די תורה, איך האב אלעמאל געמיינט אז נאר ווייל זיי האלטן נישט די תורה וועגן דעם זענען מיר קעגן זיי.

יעצט יאנקעלע הער וואס איז געשעהן ווייטער, אין שנת תש״ח, ממש געציילטע יארן נאך די צווייטע וועלט מלחמה, ווען רוב רובו פון כלל ישראל מיט אלע ערליכע צדיקים און מנהיגי ישראל זענען בעוה״ר אומגעקומען אויף קידוש השם, און די געציילטע ערליכע אידן מיט די גדולי ישראל זענען געווען צובראכן אויף שברי שברים, אבער די ציונים זענען אנגעגאנגען ווייטער מיט זייער פראפאגאנדע אפאראט מיט א שרעקליכע טעראר אקעגן די ענגלישע רעגירונג, וואס ארץ ישראל האט דעמאלס באלאנגט צו זיי, און מיט פארשידענע טעראריסטישע אקציעס וואס האט גורם געווען א שרעקליכע חילול השם מסוף העולם ועד סופו, זענען זיי אנגעקומען דערצו אז ענגלאנד האט אויפגעגעבן ארץ ישראל, און די יו. ען. האט בלית ברירה באשטימט אז זיי קענען האבן א לאנד, דעמאלס האט אויסגעבראכן א שרעקליכע מלחמה צווישן זיי און די אראבער׳ס וואס האבן געוואוינט דארט. זייער אסאך וואס האבן איבערגעלעבט די צווייטע וועלט מלחמה און ארויפגעגאנגען אויף ארץ ישראל, האבן די ציונים ימ״ש זיי געגעבן א ביקס אדער סתם א שטעקן אין די האנט, און זיי געזאגט, גיי, שלאג דיך אויפן פראנט מיט די אראבער, און אזוי ווי זיי האבן זיך נעבעך נישט געקענט שלאגן ווייל זיי זענען נישט געווען געלערנט, זענען זיי ליידער אומגעקומען, מיר האבן נישט קיין חשבון וויפיל אידן זענען ליידער אומגעקומען אין די מלחמה, ווייל די אכזריות׳דיגע ציונים האבן זיך נישט גערעכענט מיט קיין שום געפיל צו נפשות מישראל, און עד היום הזה זענען זיי מפקיר אידישע נפשות און זענען פאראנטווארטליך פאר די אידיש בלוט וואס גיסט זיך אזוי, ה׳ ירחם!

ביז מעשה שטן הצליח, און די ציוניסטען האבן געזיגט אקעגן די שוואכע אראבערס, וואס האט געקאסט ליידער אזויפיל אידישע קרבנות, האבן זיי זיך גענומען גרייטן אויפצושטעלן אן אייגענע מדינה, דעמאלס זענען בעוה״ר געווען פרומע אידן וואס האבן באלאנגט צו די ״אגודת ישראל״ וואס איז אמת׳דיג אויפגעשטעלט געווארן דורך גדולי ישראל מיט׳ן ציל צו באקעמפעז ציונות, אבער ליידער האט די שטן זיי אריינגעשלעפט

אין די שרעקליכע טומאה, אויף אזוי ווייט אז אין דעם ביטערען טאג ״ה׳ אייר״ ווען די ציוניסטען האבן ארויסגעגעבן זייער ״מגילת עצמאות״ זיי האבן ערקלערט אז זיי שטעלן אויף א מדינה אקעגן די גזירה פונעם אייבערשטען, און מיט דעם וועט פארווירקליכט ווערן די קיבוץ גליות רח״ל, און די מדינה וועט זיך פירן לויט גוי׳אישע דערמאקראט׳ישע געזעצען רח״ל, און יעדער איז געווארען שותפים אין זייער פארלאמענט, האט די פארשטייער פון די אגודה אויך אונטערגעשריבען דעם מגילת עצמאות, און מחלל געווען שם שמים מסוף העולם ועד סופו בעוה״ר.

און ליידער האט די וועלט נישט פארשטאנען דעם שרעקליכע מרידה בה׳ וואס דא קומט פאר, און אנשטאט צו טרויערן אויף דעם ביטערן חורבן וואס איז געשעהן, און מורא האבן פאר דעם שרעקליכען חרון אף פון העברה על השבועות, וואס עס שטייט אני מתיר את בשרכם וכו׳, האבן זיי זיך ליידער געפרייט און געטאנצען מיט א שמחה אז אידן האבן א מדינה.

און דער צייט איז די רבי זי״ע מיט אלע ערליכע גדולי ישראל געזיצען און געוויינט, און מיט גרויס צער זיך צוגעקוקט ווי א גרויסע חלק פון כלל ישראל ווערט נאכגעשלעפט נאך דעם טומאת הציונות רח״ל, אבער די ציונים זענען אנגעגאנגען ווייטער מיט זייער ארבעט און אויפגעשטעלט א מדינה, וואס שטייט נאך בעוה״ר



אין כנסת המינים זיצען צוזאמען פרייע און פרומע אידן רח״ל

ביז צום היינטיגען טאג, וואס יעדען טאג וואס די מדינה שטייט איז עס א מרידה אין דעם מלכות שמים, און ס׳איז מעכב די גאולה שלימה, אזוי ווי דער רבי זי״ע האט געזאגט כמה פעמים אז ווען נישט די פארשאלטענע מדינה וואלטן מיר שוין לאנג געהאלטען נאך די גאולה שלימה. אבער די פרומע פארטייען זענען זיך משתתף מיט זייער מדינה, וואס דאס האלט אויף אלע עבודה זרה׳ס, וואס די רבי זי״ע איז מברר אין ויואל משה אז אפילו בזמן הזה איז מען מחויב אויסצורייסן אלע עבודה זרה׳ס אין ארץ ישראל, און מ׳איז זיך מחייב מיט א שבועה אז מ׳וועט זיין געטריי צו די געזעצען פון די מדינה, און נישט זיין געטריי צו די תורה הקדושה רחמנא ליצלן מהאי דעתא.

אין לויף פון דער צייט, ס׳איז שוין אדורך אזויפיל יארן, און די ציונים האבן שוין געהאט זייער אסאך דורכפעלער, זיי זענען שוין דורכגעגאנגען זייער אסאך מלחמות, וואס ס׳איז נישט דא אין די היסטאריע אזא קליין לענדעל זאל זיין אזויפיל איבערקערענישען און מלחמות און באמבעס און טערארר אקציעס. צוביסעלך צוביסלעך האט זיך אפגעקילט ביי אלע פרייע די גרויסע ווארעמקייט צו די מדינה, און די גאנצע וועלט איז דא יורדים פון די מדינה וואס מאכן אן א חילול ה׳ מיט זייער אויפפירונג דורך זייער חינוך וואס זיי האבען באקומען אין די מדינה, ווען נישט די פרומע פארטייען וואס זיי שטיצען די מדינה מיט שטארקע התלהבות און אלע כוחות בעוה״ר, און מיט זייערע טמא׳נע צייטונגען ״המודיע״ און ״יתד״ און אנדערע וואס דארט ברענגען זיי ארויס זייער שמחה מיט די מדינה, אמאל אפען און אמאל באהאלטען, ווי רבינו הק׳ ברענגט אין ויואל משה (עמוד קי״ב) אז אין טאג פון זייער חגא איז דער ״המודיע״ ששון ושמחה. זעלבסט פארשטענדליך אז א מדינה וואס איז דא אזויפיל הריגות און טערארר אקציעס, און מען ציטערט פאר באמבעס א יעדען טאג, וואלט קיין שום רעכטדענקענדיגער מענטש נישט געוואלט וואוינען דארטען, אבער די פרומע באקליידן דאס אין דער מצוה פון ישוב ארץ ישראל און נסים וכדומה, זיי זענען די גרעסטע שטיצער׳ס פון די טמא׳נע מדינה ליידער, ליידער, ליידער.

יאנקע׳לע טייערע, איך וועל דיר איבערזאגן לשון קדשו פון אונזער הייליגען רבי׳ן זי״ע, וואס ער האט געזאגט הושענא רבא תשכ״ב, מיט בכיות עצומות, ״די פריער׳דיגע צדיקים ווען זיי וואלטען דאס צוגעזעהן וואלטן זיי דאס נישט געקענט אויסהאלטען, פון גרויס צער, וואו קען מען דאס אזוי רואיג צוקוקען ווי מען שמד אויס מיט כפירה אלפים אידישע קינדער זרע ברוכי ה׳, און ס׳געפינט זיך נאך שומרי תורה ומצות וואס פרייען זיך מיט זייער חגא און ניאוץ ה׳, אז ס׳איז אויפגעשטאנען א מלכות המינות אקעגן די תורה און אקעגן די אמונה, און די פריערדיגע צדיקים ווען זיי וואלטען דאס צוגעזעהן וואלטען זיי נישט נאר באשטימט איין תשעה באב, נאר הונדערט תשעה באב׳ס, ווייל דאס איז אסאך ערגער ווי דער חורבן בית המקדש״ עכ״ל הקדוש.

יעצט פארשטייסטו יאנקע׳לע פארוואס ה׳ אייר איז אזא ביטערע טאג, און פארוואס ערליכע אידן זענען אזוי צוגעלייגט און טרויעריג, און ערליכע אידן וואס זייער הארץ ווייטאגט זאגן תהלים און פאסטען אויף דער שרעקליכען ניאוץ ה׳ וואס ברענגט אונז אלע צרות ה׳ ישמרנו.

זיידי, איך בין אינגאנצען צושוידערט, איך קען ממש נישט פארשטיין וויאזוי אידן שומרי תורה ומצות קענען שטיצען אזא מדינה הטמאה.

וויסן זאלסטו יאנקע׳לע אז די טומאת הציונות איז א מורא׳דיגע שטארקע טומאה וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען אויף דער וועלט, און די נסיונות זענען זייער גרויס, ובפרט אז זיי טיילן געלט פאר יחידים און פאר׳ן רבים, און ליידער ליידער רוב מוסדות התורה אין ארץ ישראל זענען נהנה פון זייערע געלטער, וועגן דעם האט די רבי זי״ע מיט אלע ערליכע רבנים גע׳אסר׳ט נהנה זיין פון זייערע טמא׳נע געלט, און וועגן דעם האט די רבי זי״ע בשארית כוחותיו, אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן מיט מסירת נפש אויפגעשטעלט דעם מוסד קרן הצלה, וואס שטיצט די מוסדות וואס נעמען נישט קיין געלט פון די מדינה. די תורה זאגט דאך ״כי השוחד יעור״ ממילא קומען זיי אויף א יעדען טאג מיט אנדערע תירוצים צו שטיצען די מדינה. א טייל זאגן אז לכתחילה טאר מען טאקע נישט האבן קיין מדינה, אבער בדיעבד אז ס׳איז שוין דא, וואס זאל מען טוהן?

יאנקעלע טייערע, דו ווייסט וואס עס דערמאנט מיך, אזוי ווי דו ווייסט אז דא אין אמעריקע פאר ארום אכציג ניינציג יאר צוריק איז געווען זייער שווער אין אידישקייט, ובפרט דעם ענין פון שמירת שבת קודש, ס׳איז זייער שווער געווען צו טרעפען אן ארבעט, אויב מען האט געוואלט היטען שבת ווי עס דארף צו זיין, פארשטייט זיך אז פון די אידן מיט זייערע קינדער זענען גארנישט געבליבען רח״ל, נאר דאס ביסעל מסירת נפש אידן, וואס האבן זיך געקלאמערט צו אידישקייט מיט אלע זייערע כוחות פון זיי איז געבליבען ערליכע אידישע דורות.

האט מיר פארציילט א איד פון די מסירת נפש אידן, אז ער האט אמאל געפרעגט אן אנדערע איד, פארוואס ביסטו א מחלל שבת? דו קומסט דאך פון א ערליכע שטוב, דיין טאטע האט דאך אויף יענע וועלט נישט קיין מנוחה פון דיר? האט ער גע׳ענטפערט, איך האב אפשר טאקע נישט געטארט נעמען אזא ארבעט, וואס איז פארבונדען מיט חילול שבת, אבער יעצט בדיעבד אז כ׳האב שוין אזא דזשאב, גיי איך אריין צו דער ארבעט א יעדען שבת... דו לאכסט יאנקע׳לע פון דעם איד, הא? אזוי זעהן אויס זייערע תירוצים צו שטיצען די מדינה. אוי לנו שכך עלתה בימינו.

זיידי טייערע, איך דאנק דיר פון טיפען הארץ, דו האסט מיר ממש אויפגעלאכטן די אויגן אין אזעלכע וויכטיגע ענינים, וואס זענען נוגע די וויכטיגסטע יסודות פון אידישקייט. איך וואלט וועלן געוואלט הערן נאך און נאך.

יאנקע׳לע טייערע, ס׳איז נאך דא זייער אסאך צו שמועסן וועגן די ענין פון בחירות, נסים, און פון די מדינה בכלל, און אלע עניני אמונה, אבער פאר היינט איז דאס גענוג, ס׳איז שוין שפעט און דו דארפסט שוין גיין שלאפען, ועוד חזון למועד אי״ה, איין זאך זאלסטו וויסען אז די עיקר פון א איד איז די ״אמונה הטהורה״ און ״קדושת ישראל״, זיין געטריי צום באשעפער אין אלע אומשטענדען. דו זאלסט שטענדיג טראכטען פונעם הייליגען באשעפער, און געדענקען דעם אתה בחרתנו מכל העמים, זאלסט וויסן אז דער בורא כל עולמים איז בורא ומנהיג לכל הברואים, און נישט חס ושלום כחי ועוצם ידי, און גיי מיט׳ן אייבערשטען נאר אזוי ווי אונזערע פריער׳דיגע צדיקים האבן אונז געלערנט, און ריר דיך נישט אוועק פון דעם.

אזוי וועסטו זיין אן ערליכע איד בעזהשי״ת, און איך וועל האבן פון דיר אסאך אידיש נחת.

א גוטע נאכט.

ובחרת בחיים

**Cong. Evocharto Bachaim**

Mailing Address: 183 Wilson Street, PMB 102, Brooklyn, New York 11211

כל הזכויות שמורות לובחרת בחיים ולהוצאת ספרים מסורת אבות